493450

Imprimat legal.

CENZURAT.


# BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

איין מאנאטס-בלאטט וועגען עניני האמונה און מאראל.


„Ce frumoase sânt de munţi, picioarele celui cei aduce VEŞTI BUNE, care vesteşte pacea, picioarile celui ce aduce VESTI BUNE care vesteşte mântuirea!“
Isaia 52.7.

„Duceţi vă în toată lumea, şi propoveduiţi VEŞTI BUNE (Evanghelie) la orice făptură“.
Evangh. Marc 16.15.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...

(ישעיה נ״ב, 7).

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית הדשה: מרק ט״ז 15).

No. 9—10. 1926. קישינעוו.

## גואלי חי!

ווען מיין נשמה האט קיין פריד,
דער גוף איז שוואך און קראנק און מיד,
א קול איך הער: „צופרידען זיי,
גואלי חי!“

ווען צרות, שמערצען דריקען שווער,
דעם וועג פארדונקלן מעהר און מעהר,
דאס קול מיר רופט: „וואס איז דערביי,
גואלי חי!“

איך וויים ווי שרעקליך מיינע זינד
מיין גוף מיט שווערע קעטען בינדט,
דאך דערהער איך רופען: „ביסט שוין פריי,
גואלי חי!“

די שונאים לאכען איבער מיר,
זיי מאכען פון מיין פלאג א שיר,
דאך איז גאט'ס חסד תמיד ניי:
„גואלי חי!“

מיין טרויריג הארץ פינדט קיינע רוה,
די וועלט ברענגט נאך איר פלאג דערצו
און ווידער הער איך: „גליקליך זיי,
גואלי חי!“

ווען איך מיז געהן דורך פינסטרע נאכט,
מיין פוס קיין זיכערן שריט דא מאכט,
גאט'ס ווארט מיר זאגט: „ער איז געטריי,
גואלי חי!“

אזוי קען איך גאנץ רוהיג זיין:
ער לעבט, ער לעבט, דער גואל מיין:
א, יא ער שטעהט מיר תמיד ביי,
גואלי חי!

מרים אווערבאך

# דער גוטער פאסטוך.

והקמתי עליהם רעה אחד ורעה
אתהן את עבדי דוד הוא ירעה
אתם והוא יהוה להן לרעה ואני
יהוה אהיה להם לאלהים . . .
(יחזק. ל"ד) *)

איינגע רייזענדע זענען פארבלאנזעט געווארן און האב ניט געוויסט מיט א וועלכען וועג ווייטער צו געהן. א פאסטוך, וועלכער האט דאס געזעהן פון דער וויט, האט זיך מיט גרויסער מיה דורך שטיינער, דערנער און שטעכל צו זיי דערנעווינט און האט זיי פארגעלעגט צו פירען מיט דעם רעכטיגען וועג אין דעם ארט יוי זיי ווילען געהן. אבער די רייזענדע האבען מורא געהאט פאר דעם אונבעקאנטען פאסטוך און מיט גרויסן ספק האבען זיי אים געזאגט: פון וואנעט קענען מיר ווייסן, אז די וועסט אונז פירן צו אונזער ציעל מיט דעם ריכטיגען וועג? אויף דעם האט זיי דער פאסטוך געוויזען זיינע צעריסענע מלבשים און זיינע צעדראפעטע, צעשטאכענע הענד און פיס מיט פרישע צייכען פון בלוט, זאגענדיג, אז דאס איז מיט אים געשעהן, ווען ער האט זיי געזעהן בלאנזען און איז געלאפען גיך זיי ארויסצופירן פון דער סכנה, וויל אין דעם הארט. איז דא א סך אבגרונדע.

דיזע בעווייזע איז גענוג, אז מ'זאל זעהן די ליבע פון דעם פאסטוך צו די פארבלאנזעטע.

נאך קלארער קען מען זעהן אין פיל גרעסערן מאסשטאב, אז ישוע המשיח איז דער אמת'ר רועה הטוב, פון וועלכן ס'איז געזאגט ביי די נביאים, וועלכער זאל ארויסראטעווען די זינדיגע מענשען אויך די „צאן הובדות", וועלכע די רועי ישראל האבען פארפירט און האבן ניט געזארגט וועגן זיי (ירמיה כ"ג; יהזקאל ל"ד; זכריה י"א).

ווען ישוע האט געזעהן דאס פאלק, איז דערצעלט, „נכמרו רחמיו עליהם כי הם מתעלפים נדכים כצאן אשר אין להם רעה" — ער האט רחמנות באקומען אויף זיי וויל זיי, זענען זעהר פארשמאכט און צושפרייט געווען, ווי שאף, וואס האבן ניט קיין פאסטוך. (ברית חדשה: מתי י"א, 36). אלס דער רעה הטוב, פון גאט געשיקט, האט ער געטרייסט, געהיילט די פערווינדיטע, קראנקע שייפעליך. די מידע האט ער געטראגען מיט ליבע און בערוהיגט, איינלאדענדיג: „פנו אלי כל העמלים והתעונים ואני אניח לכם" — „קומט צו מיר אלע ליידענדע, מידע און איך וועל אייך גיבן רוה' (ברית ההדשה: מתי י"א, 28). ישוע זאגט דאריבער: „אנכי הוא הרעה הטוב, הרעה הטוב יתן את נפשו בעד צאנו „איך בין דער גוטער פאסטוך, דער גוטער פאסטוך גיבט אוועק זיין נפש פאר די שאף (בר' ההד. יוהנן י', 11)". ישוע האט זיך מקריב געווען, ער האט זיין לעבן אוועק געגיבן די שאף צו ראטעווען, ווי דער נביא ישעיה האט נאך פרירער נביאה געזאגט: „כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו ויהוה הפגיע בו את עון כלנו... כי נגזר מארץ חיים מפשע עמי נגע למו... הערה למות נפשו... והוא חטא רבים נשא ולפשעים יפגיע" „...מיר זענען אלע פארבלאנזעט, יעדער אויף זיין וועג און גאט האט אויף אים ארויפגעלעגט די זינד פון אונז אלע... ער איז אפגעשניטן געווארן פון די לעבעדיגע פאר די זינד פון מיין פאלק... ער האט איבערגעגיבן זיין נפש צום טויט... און ער האט געטראגן די זינד פון פילע און איז פאר די זינדער א פארמיטלער..." (ישע' נג). וויל דאס איז פארגעקומען מיט ישוע המשיה און דער צייט פון בית שני, ווי די נביאים האבן געזאגט, איז דאס איינער פון די בעסטע סמנים, אז ער איז דער אמת'ר רעה ישראל. יערער זינדער, וועלכער וויל, בעפרייעט ווערן פון זינד און וויל האבען שלום אין זיין הארצן דארף קומען מיט אמונה צו דעם רעה ישראל, צו ישוע, וועלכער איז געזאלבט פון גאט" להבש לנשברי־לב, לקרא לשבוים דרור ולאסורים פקח קוח" (ישע ס"א). ער קען היילען די צעבראכענע הערצער און באפרייען די פון פערשידענע זינד געפאנגענע. ישוע המשיח, וועלכער זיצט לימין יהוה*) איז עד היום דער מפגיע און דורך אים קענען מיר גערעכטפארטיג זיין פאר גאט, וויל ער איז אונזער „יהוה צדקנו" (ירמ' כ"ג).

א, זינדער, מאך ניט ארט דיין הארץ „היום אם בקולו תשמועו אל תקשו לבבכם'. ווען די הערסט דעם רוף פון גאט היינט טוה תשובה פון הארצען און דורך ישוע המשיח וועסטו באקומען סליחות עוונות און ווערן א אמת'ער איד גאט'ס א קינד מיט א לב חדש ורוח חדשה.

**ל. א.**

*) „אנכי הוא הרעה הטוב, אמר ישוע, הרעה הטוב יתן את נפשו בעד צאנו" (בר. החד. יוחנן, י).

*) תהלים: ק"י, א'.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# „דאס עביגע פראבלעם" *)

פון ח. י. איינשפראך.

## I.

דר. חיים זשיטלאווסקי, אין זיין אבהאנדלונג „די קריסטענטהום שאלה פאר געבילדעטע אידן" **) האט בעריהרט א פראגע, וואס האט אין א געוויסן קרייז, ארויסגערופן א שטארקן פערדרוס געגן איהם. די פראגע איז ניט שפאגל ניי. אויך איז זי ניט צום ערשטן מאל בעריהרט געווארן פון א אידן. אבער אין דער אידישער שפראך, און דורך א אידישן דאקטאר, וואס איז פאפולער ביי די אידישע מאסן, איז עס דאס ערשטע מאל אז די דאזיגע פראגע איז אזוי ברייט בעהאנדלט געווארן. אויף דער פראגע האבן זיך אבגערופן פערשידענע שרייבער ווי למשל: ש. אנ—סקי; שמי; מענדל און דר. א. גינזבורג. זיי האבן זיך אויסגעדריקט גאנץ אפן, אז זיי קענען זיך ניט פערהאלטן פאסיוו, צו דער גאנצער בעטראכטונג. אויך האט עס זיי שטארק פארדראסן וואס דר. זשיטלאווסקי האט גאר דערמאנט די גאנצע מעשה. זיי האבן פארגעווארפן די פראגן: „וועניג פון איהר געליטן?" „וועניג בלוט איז דורך איהר פערגאסן געווארן"? לאמיר זעהן וואס דר. זשיטלאווסקי האט דא געזענט זאגן, וואס האט אזוי אויפגעבראכט די געהרטע ליטעראטן.

אין „דאס נייע לעבן" באנד 1, ז. 631 דריקט זיך דר. חיים זשיטלאווסקי אויס בזה הלשון: „מיר מוזן רעווידיערן דעם דרייפוס־פראצעס אין וועלכן עס ווערט טאג-טעגליך פערמשפט און געקרייציגט אונזר אונשולדיגר ברודער פון נצרת". און אין זיין רעצענזיע איבר שלום אש'ס „אין א קארנאוואל נאכט" *) דריקט ער זיך אויס „אויב איך האב ניט קיין טעות איז שלום אש'ס' אין א קארנאוואל־נאכט' דער ערשטער פרוב צו רעווידירן דעם דרייפוס־פראצעס... פון אונזער אונשולדיגן ברודער..."

*) מיר בעטן די געעהרטע לעזר זיך גיט צוהערן צו די אמת'דיגע ווערטער, וואס ווערט געבראכט פון דעם מחבר אין דיזן ארטיקל. רעדאקט.

**) זעה „דאס נייע לעבן", באנד 1, ז. 631-621 און 745-728.

*) זעה „דאס נייע לעבן", באנד 1, ז. 420-411.

## II.

די פראגע אין אלגעמיין, איז אזוי אלט ווי דער אידישער גלות. אין אלע צייטן האבן זיך געלאזט הערן שטימן פון פערשידענע ריכטונגען פון אונזער פאלק בנוגע דער פראגע. נאך איידער די מויערן פון'ם גהעטא זענען געפאלן, האבן זיך שוין געפונען — ווי זאנגוויל רופט זיי אן — „טרוימער" **) וואס האבן געזוכט מיט אלע זייערע כחות צו מאכן א פשרא צווישן דעם אידישן פאלק און ישוע. די סכנה וואס מעהרערע האבן זיך מיט דער פראגע ניט אבגעגעבן איז געווען— גרויס מורא פאר דעם כלל. מען האט מורא געהאט טאמר וועט מען טייטלן מיט די פינגער „אט איז א משומד" (זעה א״ש הורוויץ אין „העתיד"). פונדעסטוועגן האבן זיך פון צייט צו צייט, געפונען אידן וועלכע האבן געשפיעלט און שפיעלן עד היום, נאר א גרויסע ראלע ביי דעם אידישן פאלק, וואס האבן זיך פריינדליך, און מאנכע זאגאר מיט ליעבע בעצויגן צו ישוע און צום קריסטענטהום. מיר וועלן דא דערמאנען אזאלכע פערזענליכקייטן ווי [1]ר' יהודה הלוי, [2]רבי משה בן מימון (רמב"ם); און [3]ר' יעקב עמדן ***) גארנישט געשמועסט פון די מאדערנע אידן וועמענ'ס צאהל עס וואקסט פון טאג צו טאג. דער היסטאריקר אבער, וואס וועט אמאל דורך־בלעטערן דאס מאטעריאל פאר זיין אבהאנדלונג איבער „די רעוויזיע פון ישועס פראצעס" וועט ער ניט קענען גלייכגילטיג פערביינגעהן, יענע רעוויזיאנס געזעלשאפט אין דייטשלאנד, וועלכע האט זיך געהאט געגרינדעט צום סוף פון'ם 19־טען יאהר־הונדערט מיט דעם צוועק צו רעווידיערן דעם משפט פון ישוע המשיח. זיי האבן זייער ארבייט פינקטליך אויסגעפיהרט, און האבן דאן ארויסגעגעבן אן אור-

**) בעזונדערס זעה זיינע ערצעהלונגן:
„The Conciliator of Christendom" — „Joseph the Dreamer".
אין זיין בוך „The Dreamers of the Ghetto"

***) זעה 1. „הכוזרי, מאמר רביעי סימן כ״ב, 2. „תשובות לרמב״ם, נ״ת, 3. ר' יעקב עמדן, רסן מתעה'.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

טהייל אין וועלכן זיי האבן ערקלערט ישוע אונשולדיג. צום בעדויערן האט די דאזיגע געזעלשאפט א לאנגן קיום ניט געהאט.

III.

# די רעוויזיע פון ישוע המשיח'ס פראצעס.

עס איז צום ערשטן מאל דאס אזא נויטווענדיגקייט איז ארויסגעזאגט געווארן אין דער אידישער שפראך. דער געדאנק אליין האט גענארפט איינם אבשרעקן, און אהן צווייפעל דער נסיון איז געוועזן א גרויסער. אייגענטליך וואלט עס פיעל בעסר געוועזן פאר די אידישע שרייבער און שרייבערלך (מיט דער אויסנאהמע פון אייניגע) ווען די גאנצע מעשה וואלט דערשטיקט געווארן, איז אבער די צרה אז עס זענען פערהאן מיסיאנערן אדר ווי זיי ווערן אנגערופן (אין דר. בלאך'ס „וואכענשריפט", אין ניו-יארקער „מארגן זשורנאל", און אין „דאס נייע לעבן")—„נאציאנאל אידישע קריסטן" *), וואס מיט זייער פראפאגאנדע אונטר די אידישע מאסן האבן זיי ממש אנגעמאכט אן איבערקעהרעניש. מען האט אויך איינגעזעהן אז די איצטיגע יוגנד, וועלכע איז ארויסגעקראכן פון די ד' אמות פון טראדיציע און איז געקומן אין בעריהרונג מיט דער אלגעמיין-אייראפעאישער ליטעראטור, און האט דארטן גאר געלעזן, אז ישוע איז ניט א ממזר בן הנדה, א מגדף און אזוי ווייטער, נייערט „דער מאן וואס איז געבוירן און געשטארבן אהן זינד" (דאנטע) „דער ערלעזר פון דער וועלט" (שעקספיער), „דער אידעאלר פערטרעטער און פיהרר פון דער מענשהייט" (דזשאהן סטוארט מילל), „א הייליגע פערזענליכקייט... א פריינד פון אונטערדריקטע און פון ארימע" (מיכאעל באקונין), „די העכסטע שטופע פון מענשליכר גרויסקייט" (ע. רענאן). „דער קוואל פון לעבעדיג וואסער" (גראף לעא טאלסטאי). „דער זיעגר פון דער וועלט" (קארל כניטסקי). וואס פאר א קאנטראסט! פונקט דער היפך פון דער אידישר לעגענדע.

עס איז דער ענג-הערציגר פאנאטיזם, און די צבועצסטווא פון געוויסע פערזאנען וועלכע זענען פעראנטווארטליך פאר דעם קאלטן, און מאנכעס מאל פיינדליכן פערהאלטן זיך, פון דעם אידישן המון געגן ישוע. אבער דער מאמענט איז ניט ווייט, ווען דער המון וועט זיך אבטרעסלן פון די זאגענאנטע פיהרער, וועלכע זענען ניט מעהר ווי פעראינטערעסירט אין זייערע אייגענע קליין-קרעמערישע אינטערעסן, און זוכן פשוט אבצוהאלטן די גייסטיגע שטרעמונגן אין דעם אידישן לאגע. אבער „דער אינערליכר דראנג" אין דעם אידישן פאלקס-לעבן קען ניט אבגעהאלטן ווערן. ער איז מעכטיגר ווי דער גאלף שטראם. ער רייסט מיט אלעס וואס סע קומט איהם אין דעם וועג. ניט אומזיסט האבן עטליכע זאגענאנטע אידישע-היסטאריקר אנגעהויבן צו שרייבן אויפקלערונגס-ארטיקלן איבער דעם לעבן, ארבייט, און איינפלוס פון ישוע המשיח. ד ר. א. ג י נ ז ב ו ר ג, אין איינם פון זיינע ארטיקלן אין „פארווערסט" האט אפילו געזוכט צו בעווייזן „באתות ובמופתים" דאס ישוע איז געוועזן א פרומר איד *). (וואס פאר א פאטש אין פנים דאס איז פאר א רעליגיעז־אידיש פערבויסענם געגנער. „האסטו געהערט, א מכשף און א מגדף, איז גאר א פרומר איד"?!) אין דער לעצטער צייט האט אויך א ב י ג ד ו ר, אין דער וואכענשריפט „דער אמעריקאנער" אנגעשריבן עטליכע ארטיקלן איבער ישוע. א ב י ג ד ו ר, וועלכער איבער'חזר'ט כמעט דיזעלבע פראזן פון דר. גינזבורג, לעגט אויך צו, דאס ישוע איז געוועזן אן אנהענגר פון די בית־הלל *•). מר. מ. שיינקין האט אפנים ניט געקענט פערשווייגן זעהענדיג דאס אנדערע האבן זיך גענומן צו דעם ענין, האט אויך אנגעשריעבן אן ארטיכל אין „פאלקס־אדוואקאט" אין וועלכן ער דערמאנט דעם „נצרי" ***).

מיר וואס זענען פעראינטערעסירט אין א יעדן נייעם פרוב וואס אונזערע ברידער מאכן בנוגע—די ישוע פראגע. זעהען אין די לעצטע ניט געלונגענע פרובן—די ערשטע שוואלבן... די ערשטע אנזאגער פון'ם אידישן פריהלינג.

(פארטזעצונג קומט).

---

*) זעה „דאס נייע לעבן", באנד 2, ז. 405.

**) זעה „דער אמעריקאנער", יולי 13, 1917.

?*) זעה „פארווערטס", דעצעמבר 22, 1916.

***) זעה „פאלקס-אדוואקאט", יולי 27, 1917.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# שיר. ל. אווערבאך.

אשרי ברי לבב כי הם יחזו
את האלהים. —

געבענשט זענען די וואס האבן
א ריין הארץ, ווארן זיי וועלען
גאט זעהן.
(ברית החדשה: מתי ה').

1. דענק אזוי, ווי גאט נאר וויל
תמיד זאל דיין הארץ זיין ריין,
רייד ניט שלעכט׳ס, זיי בעסער שטיל,
זיין געהארכזאם איז זעהר שיין.

משוררים:

ליב דיין חבר, ווי זיך אליין,
טהוען גיטס ווער גאר ניט מיד,
טהו ניט פאלשהייט, האלט זיך קליין,
ועסטו זיין א אמת׳ר איד.

2. שלעכטע מעשים לעג אוועק,
גוטע מדות לערען אוים,
אלעם, אלעם, האט איין עק,
תמיד בלייבט דאם גוט גרוים.

3. ווען דאס בעזע קומט צוריק,
ווען דיך רייצט דער בעזער פיינד
צו משיח הייב דיין בליק,
ער קען העלפען, איז דיין פריינד.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# „איינס איז נויטווענדיג".

(ברית חדשה; לוק' י, 38-42).

די צייט טראגט מיט די פליגעל אונזער לעבן צום קבר. אויב מיר עסן אבער טרינקען—די צייט לויפט. אויב מיר ארבעטן, אבער שלאפן, אבער וואכן—די צייט לויפט. אויב מיר געהן, אבער שטעהן—די צייט לויפט. דעסוועגן לאמיר גוט באטראכטען די ווערטער פון דעם שליח פון ישוע המשיח: „זעהט, י ע צ ט איז אנגענעמענע צייט, י ע צ ט איז דער טאג פון האילף..." (ברית החדשה: 1 קארינט. 6 ,2).

אין ערגיץ איז פארשפראכן, ניט אין תנ"ך, ניט אין דעם ברית החדשה, אז דאס איבערגעזאלצענע וואסער פון וועלטליכע פארגעניגן וועט אזוי פארזיסט ווערן, אז די נשמה וועט איר גאנץ פארגעניגן פילען. ס'איז מיט דעם אזוי, ווי מיט דעם וואסער פון ברונען פון סוכר. ישוע המשיח האט געזאגט צו דער פרוי, וואס ער האט ביי יענעם ברונען געטראפען: „יעדער וואס טרינקט פון דיזעם וואסער, וועט ווידער דארשטען" (ברית ההדשה: יוחנן, ד'). צעזאר (א מלך) איז אמאל געגאנגען דורך א שטאדט און האט געזעהן, אז פרויען שפילן זיך מיט קעץ און פאפאגייען. ער האט געפרעגט: „האבן דיזע פרויען קיינע קינדער, מיט וועלכע זיי קענען שפילן ?".

מיין ליבער פריינד! ווען מ'זעהט די מענשען אזוי תמיד פארנעמן מיט זייערע וועלטליכע זאכן, מוז מען פרעגען: צו דענקט איר ניט, אז די צייט טראגט אייך צום קבר? דער שליח פולוס שרייבט: „באמיהמט אייך וועגן אייערע רעטונג מיט מורא און ציטערניש" (ברית החד'; פיליפ. ב. 12).

פאר וואס מאכט מען שוואך און קראנק די נשמה און גייסט וועגן דעם שטויב פון עולם-הזה? פאר וואס איז מען שטענדיג עבדים און מ'לויפט נאך דער אונגליקליכער, פארהונגערטער וועלט?

אה, ווען די מענשען זאלן זיך שוין באטראכטן, ווייל ס'איז נאך דא צייט?! אונזער נשמה קען באלד טהון דעם לעצטן זיפץ, אונזער פנים וועט ווערן טויט-בלייך און אונזער גוף פון ערד וועט זיך צופאלן. ווען די פייל איז אין אונזער האנד קענען מיר זי נאך פירן ווי מיר ווילן, ווען זי איז אבער אויסגעשאסן, קענען מיר זי שוין ניט מעהר פיהרן. איין איינציגעס מאל א קינד און ניט מעהר, איין איינציגעס מאל א יונגער מאן און ניט מעהר; איין איינציגעס מאל א מאן און ניט מעהר. נאר איין איינציגעס מאל א לעבן אויף דיזער וועלט און ניט מעהר. וואכט אויף, ווייל איינס איז נאר נויטווענדיג.

איבערזעצט פון דייטש מ. א.

---

# פון ישוע המשוח'ס לערע

(ברית החדשה: מתי ו.)

היט אייך אז איר זאלט ניט איירע צדקה גיבן פאר מענשען, כדי איר זאלט פון זיי געזעהן ווערן, ווען ניט האט איר קיין שכר פון אייער פאטער אין האימעל. דרום ווען דו גיבסט צדקה זאלסט דו ניט פאר דיר מיט א שופר בלאזן, אזוי ווי די הייכלער טהון אין די שולען און אין די גאסן, כדי זיי זאלן פון מענשען געלויבט ווערן. באמת זאג איך אייך, זיי האבן זייער שכר שוין באקומן.

אבער ווען דו גיבסט צדקה, לאז ניט דיינע לינקע האנד וויסן וואס דיינע רעכטע האנד טהוט, אז דיינע צדקה זאל זיין פערבארגען, און דיין פאטער דער זעהט אין פערבארגענען וועט דיר גיבן שכר.

און ווען איר זענט מתפלל, זייט ניט ווי די הייכליר (הנפים), ווארן זיי האבן ליב צו דאווענען ווען זיי שטעהן אין די שולן און אויף די עקן פון די גאסן, כדי זיי זאלן פון מענשן געזעהן ווערן. באמת זאג איך אייך, זיי האבן שוין זעהר שכר בעקומען. אבער ווען די דאוועגסט, גיי אין דיין שטוב אריין און שליס צו די טהיר און בעט צו דיין פאטער דער איז אין פארבארגנען און דיין פאטער דערזעהט אין פארבארגנען וועט דיר גיבן שכר. און ווען איר דאווענט פלוידערט ניט, אזוי ווי די גוים טהון, ווארן זיי מיינען זיי וועלן דערהערט ווערן דורך פיל רעדן. דרום זייט ניט אזוי ווי זיי, ווארן אייער פאטער ווייסט, וואס איר בעדארפט, נאך איידער איר אים דרום בעטעט.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# דער איבער־מענשליכער משיח.

פון דר. מ. גרען.

(פארטזעצונג).

אין מדרש תהלים, אויפ'ן פסוק „וענותך תרבני" (תהלים יח: לו).—„דיין עניוות מאכט מיך גרויס", לעזן מיר דאס פאלגענדע: „ר' יודן בשם ר' חמא אמר: לעתיד לבוא הקב"ה מושיב מלך המשיח לימינו; שנאמר „נאם ה' לאדני, שב לימיני" (תהלים קי: א)'—„אין דער קומענדר צייט וועט גאט אוועקזעצן דעם מלך המשיח ביי זיין רעכטער האנד, ווי עס שטעהט געשריבן, ה' זאגט צו מיין הער, זעץ דיך ביי מיין רעכטער האנד' *).

„כתוב אחד אומר, „כרסיה שביבין דינור' וכתוב אחד אומר „עד כי כרסון רמיו ועתיק יומין יתבי' (דניאל, ז: ט) ?—לא קשיא, אחד לו ואחד לדוד *); כדתניא, אחד לו ואחד לדוד, דברי ר' עקיבא' (חגיגה יד, א; סנהדרין לח, ב).—„אין איין פסוק שטעהט „זיין שטוהל איז פון פייער פלאמין' (לשון יחיד), און אין אנדער פסוק שטעהט „ביז די שטוהלן זיינען אויפגעשטעלט געווארן אין דער עתיק יומין האט זיך אוועקגע־זעצט' (לשון רבים); איז דער תירוץ, איין שטוהל פאר איהם (פאר גאט) אין איינער פאר דודן (דער משיח), אזוי ערקלעהרט רבי עקיבא'.

*] זעה אין ברית החדשה: מתיתיהו כב: מב=מד; מרקוס יב: לה-לז; לוקס כ: מא=מג; שליחים ב: לג-לה; אפסים א כ-כא; פילפיים ב: ט=י; עברים א: יג.

*) אז דער משיח ווערט פארשטאנען אונטער'ן נאמען דוד, קען מען זעהן פון דער פאלגענדער שטעלע: „אמר ר' יהודה, אמר רב, עתיד הקב'ה להעמיד להם ד ו ד א ח ר, שנאמר „ועבדו את ה' אלהיהם ואת דוד מלכם אשר אקים להם" (ירמיה ל: ט). „חקים" לא נאמר, אלא „אקים" (סנהדרין צח, ב).—„גאט וועט פאר זיי אויפשטעלן אן אנדער דוד, ווי עס שטעהט געשריבן „און זיי וועלן דיענן ה' זייער גאט און דוד זייער קעניג, וועלכן איך וועל זיי אויפשטעלן". עס ווערט ניט געזאקט, „איך האב אויפגעשטעלט", נור „איך וועל אויפשטעלן".

„מה שמו של מלך המשיח ? ר' אבא בר כהנא אמר: ה' שמו, שנאמר „וזה שמו אשר יקראו: ה' צדקנו (ירמיה כג: ו)' (מדרש איכה א: נז).—„וואס איז דער נאמען פונ'ם מלך המשיח ? — זיין נאמען איז „יהוה'. לויט דעם פסוק: „און דאס איז דער נאמען וואס מען וועט איהם רופן יהוה אונזער גערעכטיגקייט'.

„יקורא למלך המשיח על שמו, ומה שמו?— ה' איש מלחמה' (שמות טו: ג); ומלך המשיח— „וזה שמו אשר יקראו ה' צדקנו (ירמיה כג: ו)" (מדרש תהלים כא). — „און ער רופט דעם מלך המשיח מיט זיין אייגענם נאמען. גאט'ס נאמען איז „ה' איש מלחמה' אין דעם משיח'ס נאמען איז „ה' צדקנו". —

BCU Cluj / Central University Library Cluj

מיט פערשידענע נעמען ווערט דער משיח בעצייכענט אין תלמוד.

„ר' יוחנן אמר, לא אברי עלמא אלא למשיח, מה שמו ? — צבי ר' שילא אמרי „שילה' שמו, שנאמר „עד כי יבא שילה' (בראשית מט: י).

דבי ר' ינאי אמרי „ינון שמו, שנאמר „יהי שמו לעולם, לפני שמש ינון שמו' (תהלים עב: יז). דבי ר' חנינה אמרי „חנינה" שמו, שנאמר „אשר לא אתן לכם חנינה (ירמיה טז: יג). ויש אומרים „מנחם' שמו, שנאמר „כי רחק ממני מנחם משיב נפשי' (איכה א: טז). ורבנן אמרי „חיורא דבי רבי' שמו, שנאמר „אכן חלינו הוא נשא ומכ־אובינו סבלם, ואנחנו חשבנוהו נגוע, מכה אלהים ומענה (ישעיה נג: ד)'. (סנהדרין צח: ב). *)

(פארטזעצונג קומט)

*) פון דעם זעהן מיר, אז אין דער אלטער צייט האט אויך דער תלמוד פארשטאנען, אז די אנגעוויזענע פסוקים פון די כתבי הקודש זעגען א אנווייז אויף דעם משיח, גראדע אזוי ווי מיר, מאמינים בישוע המשיח, פארשטעהן זיי אויך יעצט.

רעדאקט.

# וועגן משקה.

דער גרויסער מלך כורש פון פערזיען (דברי הימים ב׳ 36, 22-23; עזרא 1, 1—2) האט די אידן, ווען זיי זענען געווען געפאנגן אין גלות, געגיבען ערלויבנים, אז זיי זאלען אין זייער לאנד צוריק געהן.

דער געשיכטע-שרייבער קסענאפאן (געשטארבן 360 יאהר פאר ישוע) דערציילט א עפיזאד פון דעם לעבן פון דיזעם קעניג, ווען ער איז נאך געוועהן יונג:

ס'איז געוועהן א סעודה ביי זיין זיידען דער מלך אסטיאגעס, פון מעדיען. אלע גרויסע און מעכטיגע זעלען דערביי געוועהן, כורש איז דערמאלס נאך געוועהן א קליין יונגעל, וועלכער האט געמוזט דעם קעניג גיבען א באקאל מיט ווין.

„דו מוזט צום ערשטן פון דעם ווין פראבירען"—זאגט אים דער זיידע. אזא מין שטייגער איז אין יענער צייט דארט געוועהן אין דעם לאנד, אז דער, וועלכער גיבט דעם קעניג צו טרינקען, מוז צום ערשטן אליין פון דעם כוס טרינקען, אז מ'זאל זעהן, אז דרינען איז נישטא קיין סם (גיפט). „ניין, דאס טו איך ניט!" — ענטווארט דער קליינע. „אין כוס איז דא סם". „ווי אזוי ביסט דו געקומען צו אזא מיינונג?"—פארוואונדערט זאגט דער זיידע.

—„איך האב אליין דאס געזעהן, ווען איר זענט געוועהן פארזאמעלט און האט פון איירע כוסות געטרונקען — האט כורש געאנטווארט — אוי, וואס פאר א געשריי האט איר דעמאלס געמאכט. אזוי ווי ווילדע האט איר געשריגען און געלאכט. ווען איר זענט נאך אזוי געזעסן האט איר בכבוד געהאלטען פיל שיינע רעדעס פון אייער כח און חכמה, אבער ווען איר האט געוואלט אויפשטעהן, זענט איר איבער איירע אייגענע פיס געפאלן. איר האט ניט געוואוסט ווער איר זענט אליין; דו, זיידע, האסט ניט געוואוסט אז דו ביסט קעניג, און יענע האבן ניט געוואוסט. אז זיי זענען אונטערטאנענע".

וואס דער זיידע האט געאנטווארט צו דעם, ווייס איך ניט. ווען ער זאל זיך געוועזן באטראכטן, האט ער געמוזט מודע זיין: יא, דאס יינגעל האט אמת געזאגט און מיר אלע מוזן זיך שעמען.

און עד היום איז די זאך אזוי גראדע ווי 2000 יאר צוריק, ווען ס'יוערט געטרונקען וויין, ביר, אבער בראסט משקה. פון דייטש מ. א.

BCU Cluj / Central University Library Cluj


# The Mildmay Mission to the Jews

**(str. Wl. Herţ 10) (26 מיעטשאנסקי) „ב י ת - א ל" זאאל**

**יעדען דיענסטאג 7 אוהר אבענדס, אויך שבת 3 אוהר נאך מיטאג — און 7 אוהר אבענדס.**

**ווערן אפגעהאלטן דרשות און ערקלערונגען אויך געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוססגארמאניום וועגען דער ליעבע גאטטעס.**

**— דער איינגאנג פריי פאר אללע —**

**אים זאאל „ב י ת - א ל" איז אויך צו בעקומען חמשים, תנ"ך און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון קודש, רוסיש, ראמייניש.**



**אבאנעמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי. 6 חדשים 7 לעי.**

Adresa: Redacţia „Binevestitorul" Expediţ. G. Tarlev, str. Wl. Herţ 10 (str. Unirei 26). Chişinău—Basarabia.

Tip. „Tehnic", Chişinău.

Redacţia şi Administraţia: Mision Englez „Mildmay" L. Awerbuch.

# נוצליכע ווערטער.

קומט צו מיר אלע וואס זענען מיעד, און וואס זענען אונטער איין שווערער משא, און איך וועל אייך דערקוויקן — האט געזאגט דער משיח.
(ברית חדשה: קאפ. 11 פסוק 28.)

עס איז געווען איין רייכער מאן, ער פרענט זיך קליידן מיט פורפער און ביסוס, פרייען זיך אלע טאג אין תענוגים. און עס איז געווען אויך איין ארעמאן, מיט דעם נאמען אלעזר, וועלכער איז געלעגן ביים רייכנס טויער קראנק פול מיטן געשווירן. ער האט געוואלט זיך אנצוזעטיגן פון די ברעקלאך וואס פאלן אראפ פון דעם רייכנס טיש. און די הינט פלעגן אויך קומען און לעקן זיינע געשווירן. דער ארעמאן איז געשטארבען, און די מלאכים האבן איהם אוועק געטראגן אין אברהם'ס שוים, דער רייכער איז אויך אוועק געשטארבן, און מען האט איהם באגראבן. און ווען ער איז געווען געפלאגט אין העלע (גהנם), האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און האט פון ווייטנס דערזעהן אברהם'ן און אלעזר'ן אין זיין שוים, און ער האט געשריגן מיט איין הויכן קול און געזאגט: מיין פאטער אברהם! האב רחמנות אויף מיר, און שיק אלעזר'ן אז ער זאל איינטונקן זיין שפיץ פינגער אין וואסער, כדי ער זאל אפקילן מיין צונג, דען איך פלאג מיך אין דיזן פלאם, און אברהם זאגט: קינד! געדענק, דאס די האסט שוין מקבל געווען דיין גוטס אין דיין לעבן, און אלעזר דאס שלעכטס; יעצט האט ער נחמה און די צער. אחוץ דעם, ליגט צווישן אייך און אונז איין גרויסע טיפענעם אזוי, אז די וואס וויל אריבער געהן פון דאנען צו אייך, זאלן ניט קענען אויך פון דארטן צו אונז זאל מען ניט אריבער געהן. און ער זאגט: „ווען אזוי, מיין פאטער, שיק איהם אהיים צו מיין פאטער'ס הויז, דען איך האב פינף ברידער; לאז ער זיי ווארנען, כדי זיי זאלן אויך ניט קומען און דיזן ארט פון פלאג". אברהם זאגט איהם: „זיי האבן משה'ן און די נביאים, לאזן זיי, זיי הערן". און ער זאגט: „ניין, מיין פאטער אברהם! ווען איינער פון די טויטע זאל צו זיי קומען, וואלטן זיי תשובה געטון". און ער זאגט איהם: „ווען זיי הערן ניט משה'ן און די נביאים, אזוי ווען עס וועט אויך איינער פון די טויטע אויפשטעהן וועלן זיי אויך ניט גלויבן".
(ברית חדשה: לוקאס קאפ. 16, פסוק 19-31)

פריי דיך א יונגער מאן אין דיינע יוגענד, און לאז דיך דיין הארץ גיט אויפפיהרן היין די טעג פון דיינע יוגענד, און געה אין וועג פון דיין הארץ, און נאך דעם אנזעהען פון דיינע אויגן, האבער די זאלסט וויסן, אז וועגן דעם אלס וועט דיך גאט ברענגען צו דעם משפט.

דאריבער זאלסט יו געדענקן דיין בעשעפער, אין די טעג פון דיינע יוגענדשאפט, איידער די שלעכטע טעג קומן אן, און די יארן גרייכן, ווען די וועסט זאגן: „איך האב שוין ניט א פערלאנגן אין זיי!". ביז די זון אדער דאס ליכט, אדער די לבנה און די שטערן זיינען נאך ניט פארפינסטערט געווארן, און די וואלקנס האבן זיך נאך ניט צוריקגעקעהרט נאך דעם רעגן.
(קהלת קאפ. 11 און 12)

## ברית חדשה:

וייל אלדינג, וואס עס איז און דער וועלט: די תאוה פון דעם פלייש, די תאוה פון די אויגן און די גאוה פון דעם לעבן, איז ניט פון דעם פאטער, נור פון דער וועלט. און די וועלט פארגעהט מיט איהר תאוה; ווער אבער עס טהוט דעם רצון פון גאט, דער בלייבט אויף עביג.
(א. יוחנן קאפ. 2 פסוק 16-17):

און איהר עלטערן ברייגט ניט אריין אין כעס אייערע קינדער, און דערציהט זיי אין מוסר און אין דער לערע (תוכחה) פון אונזערן הערן.
(עפעזר קאפ. 6 פסוק 4).

משלי (קאפ. 23 פסוק 29-35):

צו וועמען איז וועה? צו וועמען איז א קלאג? און צו וועמן איז קריגעריי? און צו וועמען איז אומזוסטע רייד? און צו וועמען זענען וואונדן אומזיסט? צו וועמען זענען רויטע אויגן? צו די וואס זוימען זיך לאנג ביי דעם וויין, צו די וואס קומען צו זוכן געמישטן וויין. די זאלסט ניט

BCU Cluj / Central University Library Cluj

אנקוקן דעם חיין װען ער איז רויט, װארן ער גיט זיינע פארב צו דעם כוס װען עס געהט רעכט ארום. צום סוף בייסט ער װי א שלאנג, און גלייך װי א גיפטיגע שלאנג שטעכט עס. (און) דיינע אויגן זאלן זעהען פרעמדע װייבער, און דיין הארץ װעט רעדן פארקעהרטע זאכן. און די װעסט זיין אזוי װי איינער װאס ליגט אין מיטן פון דעם ים, און אזוי װי דער װאס ליגט אויף דער שפיץ פון א זעגל בוים. זיי האבן מיך געשלאגן, האבער איך בין ניט קראנק געװארן: זיי האבן מיך געקלאפט און איך האב ניט געיאוסט, װען װעל איך מיך אויפװאכן, איך װעל עס נאכאמאל זוכן.

## ברית חדשה:

ניט די גנבים, ניט די, װעלכע יאגן זיך נאך געלט, ניט די זויפער (שכורים), ניט די לעסטערער, ניט די גזלנים װעלן ירשענען דאס מלכות האלהים.
(א. קארינטהער קאפ. 6 פסוק 10).

שלעכטע געזעלשאפט פארדארבט גוטע מדות.
(א. קארינטהער קאב. 15 פסוק 33).

אלעס איז מיר ערלויבט, אבער ניט אלעס איז פאר מיר גוט; אלעס איז מיר ערלויבט, אבער קיין זאך זאל איבער מיר קיין מאכט ניט בעקומן.
(א קארינטהער קאפ. 6 פסוק 12).

...יעדר, װעלכר טהוט א זינדע, איז א קנעכט פון דער זינדע. און א קנעכט בלייבט ניט עביג און הויז, א זוהן בלייבט עביג. דעריבר װען דער זוהן װעט אייך פריי מאכן, אזוי װעט איר אין אמת'ן פריי זיין. (יוחנן קאפ. 8 פסוק. 34-36).

דען גאט האט אזוי געליבט די װעלט, אז ער האט זיין בן יחיד געגעבן, כדי יעדה, װער עס גלויבט אין איהם, זאל ניט פארלארן װערן, נור האבן עװיגס לעבן. (יוחנן קאפ. 3 פסוק 16).

דען דער בן האדם איז געקומן צו זוכן און מציל זיין װאס עס איז פארלארן.
(לוקאס קאפ. 19 פוסק 10).

װען מיר זענען אבער מתודה אונזערע זינד, אזוי איז ער געטריי און גערעכט, ער איז אונז מוחל אונזערע זינד און רייניגט אונז פון אלע אונגערעכטיגקייט. (א יוחנן קאפ. 1 פסוק 9)

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# איך רעכער טאבאק:

1. װייל איך בין צו געזינד און ס'איז מיר איבריג, דערפאר מוז איך מיך באמיהן, װי מעגליך שנעלער, דאס פטר צו זיין.

2. װייל איך האב װינדערבאר גוטע און שטארקע לונגען און זיי פאסטען פאר דעם רויך אזא גוט, װי א בילמע (שטאר) אויף א אויג.

3. װייל איך האב איבריגעס געלד און דענק אז ס'װעט זיין דאס קלוגסטע, װען איך װעל דאס, אזוי גיך װי מעגליך, אין די לופט בלאזען.

4. װייל איך האב איבריגע צייט און װייס אז ס'קען גארניט זיין בעסער װי װאלקען פון רויך אין די לופט ארויס צולאזן.

5. װייל איך בין איינער פון די גליקליכע, װאס האבן גאר קיין רחמנות אויף מענשען און קען גאנץ רוהיג פארדארבן די ריינע לופט.

6. װייל אנדערע רעכערן אויכט און איך, אלס א נאר, װיל אלע נארישקייט פון אלע נארונים נאכטוהן.

7. װייל איך... װייל איך... האב אמאל אנגעהויבן צו רעכערן און האב קיין כח ניט דאס אװעק צו װארפען.

פון דייטש מ. א.

## זאאל „בית־אל“, מיעסטשאנסקי 26 (str. Wl. Herț 10

יעדען דיענסטאג 7 אוהר אבענדס, אויך שבת 3 אוהר נאך מיטאג—און 6 אוהר אבענדס.

װערן אפגעהאלטן דרשות און ערקלערונגען אויך געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום װעגן דער ליעבע גאטטעס.

## :::::::::: דער איינגאנג פריי פאר אלע ::::::::::

אים זאאל „בית־אל“ איז אויך צו בעקומען המשים, תנ״ך און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון קודש, רוסיש, ראמיניש.